בס"ד

ספעציעלע בולעטין

בלומינגראוו
שטימע
BLOOMING GROVE VOICE

די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

# לאָמיר זיך דורכשמועסן, טייערע ברודער...

די לעצטע אַנטוויקלונגען בנוגע באָסעס און טראַנספּאָרטאַציע פאר די מוסדות התורה דאָ אין אונזער שטאט בלומינגראוו, האָט נאַטירליך געברענגט אַ פלייץ פון רעאַקציעס. דער ציבור פרעגט אויפריכטיגע שאלות און מענטשן וויל בעסער פאַרשטיין די דעטאַלן אַרום די אפשליסונג פון די "יו. דזשעי. סי." טראנספארטאציע אונטערנעמונג וכל המסתעף.

אַלזאָ טייערע אידן, לאָמיר זיך אויסשמועסן אָפּן, לאָמיר דיסקוטירן די אַנטוויקלונגען ווי גוטע שכינים רעדן זיך צונויף, און ווי דער אַלטער שטאַנדהאַפטיגער כלל וואָס איז ב"ה גילטיג דאָ אין בלומינגראוו, פון דעם ערשטן טאָג ביז היינט, דער יסוד פון "ותשועה ברוב יועץ" - "שמוע בין אחיכם".

נאָך אַלעם, ווילן מיר דאך אַלע בסך הכל די זעלבע מטרה און תכלית: צו פאַרלייכטערן פאַר'ן יחיד און פאַר'ן ציבור און צו ערמעגליכן אַז בלומינגראווער איינוואוינער זאלן באַקומען אַלע זייערע באַדערפענישן אויפ'ן שענסטן, בעסטן און ביליגסטן אופן, אַ מיסיע וואָס מען האָט ב"ה אויסגעפירט ביז היינט און מען וועט אי"ה ווייטער אַרבעטן מיט'ן גאַנצן האַרץ און נשמה דאָס צו ערמעגליכן ווייטער.

לאָמיר אַלזאָ ווידמען די קומענדיגע בלעטער צו ענטפערן און אויסשמועסן די "שאלת הרבים", די וויכטיגסטע און ברענענדיגסטע שאלות וואָס מענטשן פרעגן בנוגע צו די לעצטע טראַנספּאָרטאַציע טוישונגען.

ובשם ה' נעשה ונצליח.

## וואָס איז דער מיסיע פון ״יו. דזשעי. סי.״ און פאַרוואָס איז מען אַריין אין דער טראַנספּאָרטאַציע איניציאַטיוו ?

די ״יו. דזשעי. סי.״ איז א קאָמיוניטי געזעלשאַפט, וואָס איז געגרונדעט געוואָרן דורך אונז, דורך אייך, דורך ״אַלע תושבי העיר״, אַלס אַ פאַראייניגטע באחדות׳דיגע פאַראיין וואָס האָט בלויז איין איינציגע תפקיד מיום היוסדה: צו אַרויסהעלפן איינער דעם צווייטן אין צייט פון נויט. צו באַגלייטן סיי דעם יחיד און סיי דעם ציבור ווען אימער עס פעלט זיך אויס, מיט סיי וועלכע סאָרט הילף עס פאָדערט זיך.

מיר אַלע תושבי העיר, זענען ב״ה עדות וויפיל די ״יו. דזשעי. סי״. האָט געטוישט אונזער שטאט אויף אייביג צום גוטן אויף אַזויפיל פראָנטן. און יעדער פאַרשטייט אַז די אָרגאַניזאַציע איז נישט דאָ צו אָנפירן און פאַרקויפן לאַנג - טערמיניגע סערוויסעס, וואָס באַלאַנגט פאר געהעריגע פירמעס, נאר מיר זענען דאָ צו העלפן סוקסעספול אויפשטעלן און צעמענטירן די אַלע סערוויסעס, און דאַן געט מען דאָס איבער פאר די ריכטיגע הענט, וואָס זאָלן דאָס ווייטער פירן.

ווען אונזער שטאט האָט זיך וויכטיג גענויטיגט אין אַ ״שאָטל סערוויס״ איז געווען ר׳ יואל אבערלאנדער דער איניציאטאר פון דעם אונטערנעמונג און האט דאס דורכגעפירט מיט מסירת נפש דמים תרתי משמע און נאך דעם וואס די געוועזענע ווילידזש אדמיניסטראציע האט אים גענומען אלס קרבן ציבור מיט כל מיני רדיפות איז עס געווען די ״יו. דזשעי. סי.״ וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן דערינען, סיי אויפ׳ן לעגאַלן פראָנט, און סיי אויפ׳ן פינאַנציעלן פראָנט. מען האָט געשאַפט גרויסע געלטער פון נדבנים און מען האָט אַוועקגעשטעלט דעם סיסטעם פונעם שאָטל. דאַן האָט מען דאָס געלאזט פאַר׳ן פריוואַטן אייגנטומער וואָס זאָל דאָס פירן ווייטער לויט זיינע טערמינען.

ווייל די ״יו. דזשעי. סי.״ איז בסך הכל אַ קאָמיוניטי גרופּע אַרויסצוהעלפן דעם ציבור מיט די טאָג טעגליכע געברויכן, און מיר זענען נישט אין די ״שאָטל״ ביזנעס... אָדער אין סיי וועלכע אַנדערע ביזנעס וואָס פאָדערט אַ כסדר׳דיגע אָפּעראַציע.

ממש געננוי דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעשפּילט ווען ס׳איז געקומען צו די קריטישע טעמע פון טראַנספּאָרטאַציע פאר אונזערע קינדערלעך, די צאן קדשים, פאר די מוסדות התורה אין קרית יואל.

עס ליגט אונז נאָך אַלע גוט אין די ביינער, וויאַזוי מיר אַלע זענען פּשוט געוואָרן באַקריוודעט מיט׳ן גרעסטן מאָס רשעות, ווען במשך לאַנגע וואָכן און חדשים האָט מען אונז אַוועקגענומען אונזער בארעכטיגע טראַנספּאָרטאַציע פאר אונזערע קינדערלעך, מיט זינלאָזע אויסריידן און רעגולאַציעס ספעציעל דורכאויס דעם קאוויד סעזאן, וואָס איז געוואָרן געטריבן פון אָפענע אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע, אָן קיין שום פאַרשטענדליכע הסבר.

בלומינגראוועור עלטערן זענען געוואָרן צעריסן און ערשעפּט ווען טאָג נאָך טאָג האָבן מיר געדאַרפט אליינס טראָגן און ברענגען אונזערע קינדער פון און צו די מוסדות התורה, די אָראַנדזש קאַונטי באָס פירמע, אינאיינעם מיט די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסריקט, האָט אונז געוואָרפן איבער׳ן דראַנג, און דער קאָשמאַר האָט נישט גענומען קיין ענדע. מען האָט נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן און צו וועמען זיך צו ווענדן.

דעמאָלט ווען ס׳האָט אויסגעקוקט ווי דער מצב איז אובד עצות, נישט האָבנדיג קיין אַנדערע ברירה, זענען אונז אלס שליחי הציבור אַריינגעטאַנצן אין אַ ריזיגן פּראָיעקט וואָס האָט בשעתו אויסגעזען ווי אַ חלום. מען האָט געקויפט אייגענע באָסעס אַז אונזערע קינדערלעך זאָלן קענען גיין אין חדר.

דאָס קויפן אַ פלאָטע פון צוועלף באָסעס איז געווען אַן אונטערנעמונג וואָס האָט אָפּגעקאָסט שווערע צענדליגער טויזנטער דאָלער, וואָס מען האָט אויסגעלייגט פון די אייגענע טאַש, אָן קיין שום חשבון, בלויז צו זיכער מאַכן אַז אונזערע קינדערלעך ווערן נישט אָפּגעהאַלטן פון פאָרן יעדן טאָג אין חדר און אין בית חינוך.

פאַרשטענדליך אַז די ״יו. דזשעי. סי.״ איז נישט קיין באָס פירמע, און אודאי זענען מיר נישט אויסן צו אָנפירן מיט אַזאַ טראַנספּאָרטאַציע אַפּאַראַט. ס׳איז נאָר געווען אַ ״הכרח השעה״, אַן עמערדזשענסי פּראָיעקט וואָס מען האָט אונטערגענומען אויף דער מינוט, וואוסנדיג אַז אין דער מינוט וואָס זאַכן וועלן ווערן מסודר, וועט מען איבערגעגעבן די גאַנצע טראַנספּאָרטאַציע פאר אַ געווענליכע פירמע וואָס וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין דעם געביט, פּונקט וויאַזוי מען האָט געטון מיט דעם שאָטל.

## אַצינד אַז מען טוט אפשליסן די טראַנספּאָרטאַציע אונטערנעמונג, וואָס וועט זיין מיט די נכסי ציבור, די פילע באָסעס וואָס מען האָט איינגעקויפט בשעתו מיט געלט פון יחידים ?

ווי ערוועגט, ווען מען האָט דעמאָלט געקויפט די באָסעס איז דאָס געקויפט געוואָרן אין דער איילעניש, ווען מען האָט דאָס געדאַרפט האָבן ממש פון איין טאָג אויפ'ן אַנדערן, פשוט כדי אונזערע קינדער זאלן האָבן אַ וועג וויאַזוי צו אָנקומען צו זייערע מוסדות התורה.

די איינציגע פאַרשטענדליכע אָפּציע וואָס איז דעמאָלט געווען שייך איז געווען צו אָפּקויפן באָסעס וועלכע זענען שוין בערך צען יאָר אַלט, מיט אַ חשבון אַז דאָס וועט נאָך קענען אָנציען אויף אומגעפער צוויי יאָר. מען האָט דעמאָלט געדאַרפט אויסלייגן זייער אַסאַך געלט פאר דעם אפקויף, אָבער מען האָט ספּעציעל געקויפט די עלטערע באָסעס וואוסנדיג אַז די "יו. דזשעי. סי." איז דאך נישט אין די באָס פירמע ליניע, און מען וועט עווענטועל סייווי איבערגעגעבן די גאַנצע טראַנספּאָרטאַציע פאר אַ געווענליכע פירמע, דעריבער לוינט נישט צו אינוועסטירן טייער געלט פאר נייערע באָסעס.

די אַלטע באָסעס האָבן געפּאָדערט כסדר'דיגע מעינטענעס, מען האָט דאָס כסדר געדאַרפט פאַררעכטן און איבערפרישן. דערצו איז צוגעקומען אַ פרישע הוצאה ווען בעפאָר דעם זומער האָט מען אויסשטאָפירט צען באָסעס מיט עירקאָנדישאָן וואָס האָט אָפּגעקאָסט פרישע צען טויזנט דאָלער פער באָס, אָבער טראָץ דעם אַלעם איז דאָס אויסגעקומען ביליגער ווי "ליעסן" נייע באָסעס, וואָס וואָלט אַריינגעצויגן אין צופיל געלט.

יעצט, שטייענדיג זומער תשפ"ב, ווערט טאַקע צוויי יאָר זינט מען האָט אָפּגעקויפט די פלאָטע פון באָסעס וועלכע זענען שוין זינט דאַן געוואָרן נאָכמער אויסגענוצט און פאַרעלטערט. דריי פון די באָסעס זענען שוין גענצליך אַרויס פון באַנוץ און די אַנדערע פאָדערן אויך אַ געוואַלדיגע צאָל פון "מעינטענעס" וואָס איז אַ בחינה פון "הפסדה מרובה משכרה".

וואוסנדיג אַז מיר געבן אַוועק די גאַנצע טראַנספּאָרטאַציע אַפּאַראַט פאר אַ געווענליכע פירמע האָבן מיר געאָפּפערט פאר אַלע פירמעס, מיט וועמען מיר האָבן פאַרהאַנדלט, אַז זיי זאָלן איבערנעמען די באָסעס פאר אַ באַשטימטע סומע, אָדער וועלן אַליין פאַרקויפן די באָסעס.

ענדגילטיג איז געבליבן אַז די "יו. דזשעי. סי." האָט פאַרקויפט די גאַנצע פלאָטע פון אַלטע באָסעס און דאס געלט וואָס איז אַריינגעקומען האָט געהאָלפן דעקן, כאָטש עטוואָס, דעם ריזיגן דעפיציט און די גרויסע חובות פון אריבער הונדערט פופציג טויזענט דאלער!, וואָס איז געבליבן פון די טראַנספּאָרטאַציע קאסטן דורכאויס די לעצטע צוויי יאָר.

## לאָמיר יעצט רעדן פונעם "הוה";

## האָט מען טאַקע נישט געקענט שאַפן קיין ביליגערע אָפּציע ? די "קאָמיוניטי" באָס פירמע בעט דאך אַ הימל - שרייענדע ראַטע פאר זומער טראַנספּאָרטאַציע ?

די טראנספארטאציע אונטערנעמונג איז א פרייע מארקעט, א יעדע פירמע איז געלאדענט פארצושלאגן זייערע סערוויסעס און פרייזען, מיר זענען נאר אריין דערינען אלס אן הכרח יגונה ולא ישובח.

די "יו. דזשעי. סי." איז אין די לעצטע עטליכע חדשים געזיצן מיט נאָנט צו צען באָס פירמעס. מיר האָבן גערעדט און פאַרהאַנדלט מיט אַלע אידישע קאמפעניס און מיט עטליכע גוי'אישע פירמעס, סיי פון דער געגנט און סיי פון אינדרויסן.

מען האָט דורכגעטון אַלע סאָרט אָפּציעס און מען האָט באַטראַכט אַלע ערליי געדאַנקן. ווי צ.ב.ש. צו צאַמשטעלן די "ראונדס" פון אַלע דריי מוסדות, וואָס זאָל עטוואָס אַראָפּברענגען דעם ציפער, און נאָך פילע הצעות וואָס מען ערנסט דורכגעטון מיט די פירמעס.

אבער דער מציאות אַז צוליב די שטייגענדע קאָסטן פון אינשורענס, פעיראָל און בעיקר גאַזאָלין, איז איינפאַך אוממעגליך צו געבן אַ ביליגערע פרייז. פאַקטיש איז די "קאָמיוניטי" באָס פירמע אַריינגעקומען מיט די ביליגסטע פרייז, אין פאַרגלייך צו די אַנדערע פירמעס!

דאָס איז אָפּגעזען פון דעם פאַקט אַז מערסטנס אַנדערע אידישע באָס פירמעס האָבן זיך גענצליך אָפּגעזאָגט פון אָננעמען דעם סערוויס, מיט דער טענה אַז ס'איז פאַרהאַן אַ געוויסער פּראָצענט פונעם ציבור וואָס צאָלט נישט צייטליך, און דעריבער לוינט זיך זיי בכלל נישט צו נעמען דעם קאָנטראַקט. די "קאָמיוניטי" באָס פירמע האָט יאָ מסכים געווען דאָס צו איבערנעמען און זיי האָבן געגעבן דעם בעסטן פּרייז, אויף וויפיל ס'איז שייך לויט די אומדערהערטע קאסטן.

זאל טאַקע אונטערגעשטראָכן אַז האָבנדיג דעם אחריות פאַר'ן ציבור, זענען מיר אפילו געזיצן מיט די פירער פון "אָראַנדזש קאַונטי טראַנזיט", מען האָט זיי געאָפּפערט אַז זיי זאָלן איבערנעמען און פירן די טראַנספּאָרטאַציע פאַר'ן זומער, אָבער, ווי זייער אַלטער שטייגער, האָבן זיי בשום אופן זיך נישט געוואָלט צושטעלן צו געוויסע קריטישע פונקטן פאר די זיכערהייט און צופרידנהייט פון אונזערע צאן קדשים.

דוכט זיך אַז ס'איז גענצליך איבריג צו דערמאַנען פאר

תושבי העיר, די היסטאָריע פון די פירמע ווען עס האָט זיך געהאַנדלט איבער סעיפטי און קאָסטומער סערוויס פאַר'ן היימישן ציבור. און וויפיל מען קען זיי געטרויען ווען ס'קומט צו די וואוילזיין פון אונזערע קינדער.

## פאַרוואָס איז די "יו. דזשעי. סי." טראַנספּאָרטאַציע טאַקע אין אַזאַ דעפיציט, און פאַרוואָס האָט מען נישט געהויבן די פּרייזן כדי צו קענען ווייטער אָנהאַלטן מיט דעם אונטערנעמונג, אַזוי ווי די פאַרלאָפענע צוויי יאָר ?

ווי אויסגעשמועסט פריער, איז די "יו. דזשעי. סי." נישט אין די טראַנספּאָרטאַציע ביזנעס... די "יו. דזשעי. סי." איז בסך הכל אַ נאָן פּראַפיט אָרגאַניזאַציע וואָס איז דאָ צו לעזן פּראָבלעמען, אַראָפּשטעלן אַ מהלך אויף גוטע יסודות און דאָס איבערגעבן ווייטער, אַז מען טאַקע נישט זיין אַראָפּגעבינדן און זיך קענען באַפאַסן מיט וויכטיגערע טעמעס, וואָס איז נוגע דעם כלל בהוה ובעתיד.

מען איז לכתחלה אַריין אין דעם פּראָיעקט בלויז אויף צייטווייליג, לא על מנת להשתקע שם. די מציאות איז טאַקע געווען אַז יעדן טאָג וואָס די "יו. דזשעי. סי." האָט פאַרפיגט אויף די טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט איז דאָס געווען אַ פאַרלוסט פאר די אָרגאַניזאַציע, ווייל דאָס האָט בפּועל אָפּגעהאַלטן פון קענען דורכפירן ווייטערדיגע פּראָיעקטן, און זיך רוקן צו קומענדיגע וויכטיגע אונטערנעמונגען וואָס דער ציבור דארף האָבן.

פאר די זעלבע סיבה, איז מען טאַקע אַריינגעפאַלן אין אַזאַ דעפיציט און מען האָט נישט געהעכערט קיין פּרייזן. ווייל די "יו. דזשעי. סי." איז אַ וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט למעשה נישט פאַרדינט קיין רויטן גרייצער פּראַפיט פון דעם גאַנצן פאַרצווייגטן קאָפּ ווייט.

אדרבה! אָנגעהויבן פון די ערשטע מינוט האָט מען זיך געטראָפן אין אַ לאך פון הוצאות וואָס איז נאָר געוואַקסן מיט יעדן פארבייגענדע וואך. שוין אָפּגערעדט אַז זייענדיג אַ קאָמיוניטי אָרגאַניזאַציע האָט מען זיך אויסטערליש גערעכנט מיט'ן ציבור, מען האָט פאַרקוקט פאר אידן נצרכים וואָס האָבן נישט באַצאָלט לאַנגע חדשים, און מען האָט מיט אַ אידיש האַרץ גענומען אַלע קינדער, טראָץ דעם וואָס טייל עלטערן זענען שולדיג געבליבן גרויסע געלטער.

די "יו. דזשעי. סי." איז נישט קיין פירמע וואָס העכערט פּרייזן און שטעלט צו סערוויסעס... אונזער אָריגינעלער ציל איז געווען און איז פאַרבליבן צו ברענגען סערוויסעס פאַר'ן ציבור גענצליך בחנם, אַ שטייגער ווי די קמחא דפּסחא חלוקות, די פּאָליטישע און לעגאַלע אינטערווענץ וואָס קאָסט אָפּ שווערע געלטער, און אַלע אַנדערע פונקציעס וואָס מען קען זיין בייהילפיג פאַר'ן ציבור.

ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט פון דעם טראַנספּאָרטאַציע קריזיס האָט מען בלית ברירה געבעטן דאָס מינימום פון עלטערן, פּשוט ווייל מען האָט זיך געמוזט פון ערגעץ דעקן כאָטש אַ טייל פון די הוצאות. און מען איז טאַקע נישט אַרויף מיט די פּרייז, בשעת וואָס יעדע אַנדערע פּראָדוקט און סערוויס איז געשפּרינגען צו הימלשרייענדע פּרייזן ווי קיינמאָל בעפאָר.

אין דער זעלבער צייט וואָס די קאָסטן פון דיזעל גאַזאָלין איז אַרויף מיט נאָנט צו 150 פּראָצענט! האָבן מיר פּאַקטיש נישט געהויבן קיין פּרייזן, ווייל מיר זענען נישט אין ביזנעס, מען האָט געהאַט דעם האַרץ און געפיל אַז מען טוט דאָס פאַר'ן טובת הכלל, נישט צו פאַרדינען געלט.

אין די לעצטע פיר - פינף חדשים האָט די "יו. דזשעי. סי." זיך פּשוט געדראַפּעט אויף די גראָדע ווענט צו קענען מיטגיין מיט דעם אָבנאָרמאַלן דעפיציט און יקרות. מען האָט זיך צאמגעבארגט פון פּריוואַטע יחידים שווערע געלטער פון אריבער הונדערט טויזנט דאָלער! בלויז צו פאַרזיכערן אַז די טראַנספּאָרטאַציע שטעלט זיך נישט אָפּ חלילה אפילו אויף איין טאָג און אַז די באָסעס פאָרן אויפ'ן ראָוד ווילאַנג מען גיט דאָס איבער פאר אַ זעלבסשטענדיגע פירמע, דאס איז און צוגאב צו אריבער פופציג אלפים חובות פון די טאג טעגליכע אפערציעס ביז לעצטנס.

ווירקליך, דורכאויס די צייט האָט מען עטליכע מאָל געמאָלדן און מיטגעטיילט מיט'ן ציבור אַז די טראַנספּאָרטאַציע וועט אַריבערגיין אַ טראנזיציע, און עס וועט ווערן איבערגעגעבן פאר אַ געווענליכע באָס פירמע, וואָס וועט פאַרשטענדליך הייבן די פּרייזן, זינט זיי זענען אין ביזנעס און זענען נישט קיין נאָן פּראַפּיט אָרגאַניזאַציע.

## אָבער פאַרוואָס קען מען אין אַנדערע געגנטער אַרום קרית יואל יאָ באַקומען באָס טראַנספּאָרטאַציע מיט אַ היבש קלענערן אָפּצאָל ראַטע ?

לאָמיר טאַקע אויף אַ מינוט פאָקוסירן אויף די אַרומיגע געגנטער, וועלכע זענען געווען אחים לצרה מיט בלומינגראוו,

און זיי האָבן טאַקע אויך געהאַט אַ דירעקטע טובת הנאה פון דעם כח השתדלנות פון בלומינגראוו.

מיר זענען ב"ה אַלע גענוג אַלט צו געדענקן וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די נישט ווייטע פאַרגאַנגענהייט, ווען ביי אונז אין בלומינגראוו איז שוין געווען מסודר מיט די אייגענע באָס פירמע, האָבן נאָך אידן פון אַלע געגנטער אַרום קרית יואל, נישט בלויז גענדאַרפט צאָלן טייערער, נאר זיי האָבן אינגאַנצן נישט באַקומען קיין סערוויסעס און האבן בעל כרחם געטראגן און אהיים געברענגט זייערע קינדערלעך פון און צו חדר און סקול מידי יום ביומו.

די עלטערן פון די געגנטער וואדבארי דזשאנקשן, קאָנטרי האַלאָו, סמיט גאַרדן, העלף האַלאָו א.א.וו. האָבן במשך לאַנגע חדשים גענדאַרפט יעדן טאָג אליינס טראָגן און ברענגען זייערע קינדער צו חדר און סקול.

בלויז נאָכדעם וואָס די "יו. דזשעי. סי." האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם קאָסטבאַרן איניציאַטיוו צו קלאָגן אין אין געריכט די "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" האָט די "מאָנראָ" און "וואדבארי" סקול דיסטריקט איינגעזען אַז ס'איז צייט פאר אַ טויש, און אַז ס'וועט נישט געדויערן לאַנג וואָס אויך זיי וועלן זיך טרעפן אויפ'ן באַשולדיגונג באַנק.

אין יענע תקופה, ווען די "יו. דזשעי. סי." האָט אינוועסטירט ממון ודמים אין דעם געריכטליכן קאַמף צו צווינגען די סקול דיסטריקט אונז צו געבן אונזערע ערליך פאַרדינטע טראַנספּאָרטאַציע, זענען די עסקנים פון די אַלע געגנטער געזיצן לענגערע שעות אינאיינעם מיט די "יו. דזשעי. סי.", מען האָט אינאיינעם דורכגעטון אַלע דעטאַלן וויאַזוי מען זאָל נאָכקאָפּירן אונזער פּאָליטישע און לעגאַלע אינטערוועניץ מיט ערפאָלג, און ב"ה אַז דער מהלך האָט טאַקע נושא פּירות געווען.

אַדאַנק די שתדלנות פון בלומינגראוו האָבן די מאָנראָ און וואדבארי סקול דיסטריקטן זיך אַראָפּגעזעצט מיט די אָרטיגע עסקנים און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אַז זיי געבן דעם "ביד" פאר אַ אידישע טראַנספּאָרטאַציע פירמע, וואָס דורכדעם באַקומט די פירמע גענוג פאנדינג זיך צו קענען דעקן אויך פאַר'ן זומער, אַן דאַרפן הייבן אַזוי שטאַרק די פּרייזן פאר עלטערן.

די פאַרהעלטנסמעסיגע ביליגע פּרייזן פאר די אַנדערע געגנטער איז ב"ה אַ דירעקטע תוצאה פון אונזער שתדלנות, אָבער צום באַדויערן איז דאָס נישט ערמעגליכט געוואָרן פאַר בלומינגראוו, צוליב די האַרטע ווידערשטאנדט פון די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט וואָס האָט - אַנדערש ווי די אַנדערע סקול דיסטריקטן - זיך בייזוויליג אַנטזאָגט פון געבן דעם ביד פאר אַ היימישע פירמע, אַזוי אַרום אַז ס'איז פּשוט נישט במציאות פאר קיין שום פירמע צו בעטן ביליגערע פּרייזן.

## **איז נאָך דאָ אַ שאַנס אַז אויך דאָ אין בלומינגראוו זאָל מען בעז"ה מצליח זיין אַז די שתדלנות זאל נושא פּירות זיין און די טראַנספּאָרטאַציע קאסטן זאל אַראָפּגיין ?**

**קלאר אז יא!**

**אויב זאל ווען די אראנדזש קאונטי באס פירמע זיך נאר טיילווייז רעכענען מיט זייער אידישע קאסטומערס אויף וועם זיי פארדינען שווערע מיליאנען יערליך ווי א שטייגער אונזערע אידישע באס פירמעס מיט אידיש הארץ און געפיל ווי "אמת קא." "דרכי יושר קא." און נאך אידישע פירמעס וואס האבן ביד'ס פון סקול דיסטריקטס איבער אפסטעיט נ"י וואס רעכענען זיך מיט זייערע אידישע קאסטומערס, און ניצן א חלק פון זייערע פראפיטן מיט א גוטן ווילן צו האלטן די פרייזען צוגענגליך דורכאויס די צייטן וואס די דיסטריקט צאלט נישט...**

זעהט בייגעלייגט א מודעה פון זומער תש"פ ווי די אראנדזש קאונטי באס פירמע פארלאנגט פונעם ציבור א געפעפערטן פרייז פון פיר הונדערט טאלער! ממש געגנוי די פרייז וואס די "קאָמיוניטי" באָס פירמע בעהט אצינד שוין נאך דעם עקנאמישן געפערליכן מצב אין וואס מיר געפינען זיך אצינד, דיזעל גאזאלין קאסט היינט קרוב צו זיבען טאלער! בשעתו איז נאך פרעזידענט טראמפ געווען אין אמט און דער זעלבער גאלאן גאזאלין האט געקאסט נישטיגע צוויי טאלער!

דאס איז געווען זייער ווארעמע ברוכים הבאים א קארגע וואך נאכדעם וואס זיי האבן באקומען צוגעטיילט דעם ביד פון וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט...

אַצינד שטייען מיר אינמיטן אַ קאָסטבאַרע געריכטליכע געראַנגל איבער די טעמע, אַ קאַמף וואָס איז נאָכנישט אַנטשידן. דערווייל שטייט די "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" און פּרובירט מיט אַלע זייערע קרעפטן צו אָנהאַלטן זייער אַלטע טראַדיציע פון זיך אַרויסדרייען און נישט ערמעגליכן קיין ביליגע טראַנספּאָרטאַציע פאר אידן אין בלומינגראוו.

יעדער געדענקט ווי מיט בלויז עטליכע יאָר צוריק איז עס געווען אַ געוועגליכע ערשיינונג אַז די סקול דיסטריקט האָט אַרויסגעשליידערט אַריבער פופציג פּראָצענט אַפּליקאַציעס פון עלטערן, בלויז ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט

איינשפּאַרן דאָס געלט. ב״ה אַז אַדאַנק די שתדלנות פון די ״יו. דזשעי. סי.״ איז דאָס געקומען צו אַן ענדע און יעדער איינוואוינער באַקומט צוגעשטעלטע טראַנספּאָרטאַציע, אָבער אַצינד שטייענדיג ביים קומענדיגן שטאַפּל, געפינט זיך נאָך די טעמע אין געריכט און מען וואַרט אויף אַ קלאָרע אַנטשיידונג.

האָפנטליך וועט מען הערן בקרוב גוטע נייעס פון דעם לעגאַלן פראָנט און מען קוקט טאַקע אַרויס צו השי״ת אַז מען זאָל שוין קענען מעלדן פּאָזיטיווע אָפּדעיטס פאַר׳ן גאַנצן ציבור. פּונקט ווי דער אויבערשטער האָט אונז געהאָלפן ביז יעצט וועט ער אונז זיכער העלפן ווייטער, ובשם ה׳ נעשה ונצליח.

**United Jewish Community of Blooming Grove**

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

בס״ד, מיטוואך פרשת קרח תש״פ לפ״ק

שוין עטליכע חדשים וואס די יו.זשעי.סי. האט אינטערגענומען ארויסצוהעלפן דעם ציבור מיטן פרובירן צושטעלן טראנספארטאציע צו די מוסדות וואס זאל זיין צוגעשטעלט געהעריג, אז אונזערע קינדער זאלן צייטליך און מיט זיכערהייט, גיין און קומען פון אינדערהיים צום בית חינוך. עס איז אריינגעלייגט געווארן אסאך שתדלנות אז די באסעס זאל זיין געהעריג צוגעשטעלט, מיט עירקאנדישאן, דזשי. פי. עס. טרעקינג, עס זאל נישט זיין קיין לאנגע טריפס, צענדליגער שעות פון ביטער שווערע הארעוואניע און מיר קוקן ארויס עס זאל זיך אויסצאלן בעזהשי״ת.

מיט סייעתא דשמיא האבן מיר באוויזן ארויסצוברענגען א גרויסע רעגיסטרעישאן דרייוו, אז דער ציבור זאל אַפּלייען פאַר באָס סערוויס ביים סקול דיסטריקט, וואס וועט בעז״ה זיין א הילף אז מ׳זאל קענען געניסן פון באס סערוויס, און די עיקר טייל פון די קאסטן זאל ווערן געדעקט דורך די דיסטריקט, עס האבן זיך טאקע צוגעשטעלט רובא דרובא פון תושבי העיר וואס וועלן בעז״ה געניסן פון דעם.

## דעם פארגאנגענעם מאנטאג האט די סקול דיסטריקט ארויסגעגעבן די ביד פאר באסעס צו די מוסדות החינוך פאר די ׳איסט ענד באס ליינס׳ פירמע

**די טראנספארטאציע צו די מוסדות החינוך וועט זיין אינטער די אויפזיכט פון די די יו.זשעי.סי. וואס וועט בעז״ה שטיין על המשמר אז די סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט אחריות׳דיג על צד היותר טוב!**

מיר זענען צופרידן צו מעלדן אז מיר זענען אין געשפרעכטן מיט די איסט ענד באס ליינס פירמע, און ב״ה די אלע באָסעס וועלכע וועלן ווערן צוגעשטעלט וועלן זיין פולשטענדיג אויסגעשטאַט מיט

**די אלע באסעס וועלן בעז״ה זיין צוגעשטעלט געהעריג מיט אחריות׳דיגע היימישע דרייווער,**

**היימישע דרייווער • עירקאָנדישן סיסטעם • פול-טיים דיספּעטישינג סערוויס**
**קורצע רוטס • GPS טרעקינג • סעקיוריטי סורוועליענס אויף יעדע באָס**

פרטים און דעטאלן פון די טראנספארטאציע קאסטן פאר די טעג וואס ווערט נישט געדעקט דורך די דיסטריקט וועט נאכפאלגן נענטער צום אנהייב פונעם נייעם שולע יאר!

### טראנספּאָרטאַציע אויפ׳ן זומער

די איסט ענד פירמע וואס האט געוואונען די ביד פונעם דיסטריקט אויפ׳ן סקול יאר, האט געמאלדן אז אויפ׳ן זומער קענען זיי צושטעלן די סערוויס, אבער צו אונזער אנטוישינג נאכ׳ן שתדל׳ן פאר ׳בעסערע׳ פרייזן איז

**די איסט ענד פירמע אריינגעקומען מיט גאר א טייערע פרייז פון**

**$400 פּער קינד, אויפ׳ן זומער**

**דאס איז זייער טייער, מיר האבן נישט גערעכנט אויף דעם**

ארויסצוהעלפן דעם ציבור האבן מיר גערעדט צו מערערע באס קאמפעניס אין די געגענט צו פרובירן צו שאפן בעסערע פרייזן, אזוי אויך פרובירט מיט אנדערע אופנים ווי ספרינטערס וכדומה וואס זאלן זיך פארפליכטן צוצושטעלן טראנספארטאציע פאר די הונדערטער קינדערלעך יעדן טאג, און דערווייל איז נישט אריינגעקומען א בעסערע פרייז פון דעם

(מיר זענען אפילו צוריק צו די קאמיוניטי באס פירמע וואס האט סערווירט דעם ציבור פאראיאר, און זיי האבן אונז געזאגט אז אפילו מיט די אלטע באסעס וואס זיי האבן געהאט, האבן זיי שאדן געהאט אינעם עבר שווערע טויזענטער דאלערס, און קענען נישט אנהאלטן מיטן צושטעלן באסעס פאר וויינגער ווי דעם פרייז)

**מיר פארשטייען אז מ׳קען נישט אפפערן פאר׳ן ציבור די טייערע פרייז פון $400 פער קינד אויפ׳ן זומער, און דעריבער טוען מיר רעקמאנדירן אנצוהאלטן ווי ווייט מעגליך די ביז יעצטיגע טראנספארטאציע צו די מוסדות**

**אויב וועט זיין א פארלאנג פונעם ציבור פאר די באסעס מיט די טייערע פרייז, וועלן מיר רעדן מיט די קאמפעני עס צוצושטעלן, דעריבער אויב זענט איר אינטערעסירט אין די טראנספארטאציע ביטע רופט ווי אמשנעלסטן אויף**

## 845-237-4828 Ext. 7

**זעלבסטפארשטענדליך אז די אלע באסעס וועלן בעז״ה זיין צוגעשטעלט מיט אחריות׳דיגע היימישע דרייווער,**

**היימישע דרייווער • עירקאָנדישן סיסטעם • פול-טיים דיספּעטישינג סערוויס**
**קורצע רוטס • GPS טרעקינג • סעקיוריטי סורוועליענס אויף יעדע באָס**

מיר קוקן ארויס אז דער ציבור זאל פארשטיין און באנעמען אז דאס איז דערווייל די איינציגע אפציע, מיר האפן עס זאל נאך קענען אריינקומען עפעס וואס קען זיין ביליגער, אויב וועט זיין אן אפדעיט וועלן מיר תיכף מודיע זיין.

**מיר בעטן דעם ציבור, אויב האט איר ״קראנט״ סיי וועלכע פארלעסליכע טראנספארטאציע מהלך וואס קען צוגעשטעלט ווערן פאר הונדערטער קינדערלעך בליעה״ר אויף א ביליגערע פרייז, ביטע זיך ווענדן תיכף ומיד צו די יו.זשעי.סי. אויף Info@UJCofBloomingGrove.org**

Isaac Eckstein
Board Chairman
Joel Stern
Board Representative
Robert S. Rosborough IV
Board Counsel
Joseph Weinberger
Finance / Fundraising
Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Krausz
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members




מיט שעצונג
**United Jewish Community of Blooming Grove**

מודעה פון די יו.זשעי.סי. זומער תש״פ

## אין אַ קורצע סך הכל:

ס׳איז געקומען די צייט וואָס ״די יו. דזשעי. סי.״ דאַרף זיך רוקן פאָראויס. די אָרגאַניזאַציע קען נישט בלייבן פאַרנומען מיט׳ן אָנפירן און באַגלייטן אַזאַ פאַרצווייגטע טראַנספּאָרטאַציע פּראָיעקט, וואָס איז פון די ערשטע מינוט באַשטימט געוואָרן אויף אַ צייטווייליגן פּאַרנעם ביז מען געט דאָס איבער פאַר אַ פּראָפעסיאָנאַלע פירמע.

- שטייענדיג אַצינד אין ברען פון דעם אינפלאַציע קריזיס האָט מען, טראָץ אַלע פאַרהאַנדלונגען מיט פילע פירמעס, דערווייל נישט געקענט טרעפן קיין ביליגערע ראַטעס ווי די ״קאָמיוניטי״ באָס פירמע,




# טייערע עלטערן; לאָמיר זיך אויסשמועסן...

## אַ בליק אויף די טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט פאר די מוסדות התורה דאָ אין בלומינגראָוו, בעבר, בהוה, ובעתיד

חשוב'ע עלטערן, אנשי שלומינו היקרים, תושבי עירינו המעטירה, הע"י.

צום אַלעם ערשטן, חסדי ה' אזכיר תהלות ה'! ווען די שורות ווערן געשריבן **צייכענען בלומינגראווער אייַנוואוינער אָפּ אַ גאַנץ קיילעכיג יאָר צייט, זינט עס פונקציאָנירט דאָ ב"ה די געניטע און געבענטשטע טראַנספּאָרטאַציע סערוויס, פאר אונזערע הונדערטער קינדערלעך בליעה"ר.** אָן אונטערנעמונג וואָס האָט ב"ה געבראָכן היסטאָריע אויף יעדן אַספּעקט, און איז **די שפּיגעלע פון עסקנות, אחדות און ברודערליכע מיטארבעט** וואָס בלומינגראוו שטאָלצירט דערמיט מיום היווסדה.

מיר אַלע געדענקן **וויפיל פיזור הנפש און ליידן מען האָט מיטגעמאַכט בעפאָר** און מיר אַלע געדענקן די איבערראַשונג און די דערלייכטערונג ווען מען האָט זיך דערוואוסט אַז **מיט'ן הערליכן כח העסקנות האָט מען ב"ה באַוויזן צו אויפשטעלן, כמעט איבערנאַכט, אַ פלאָטע פון 12 באָסעס!** וועלכע האָבן זינט דאַן, טאָג טעגליך אָן קיין איבעררייס, ב"ה ערליך ערפילט זייער תפקיד צו טראָגן און ברענגען די צאן קדשים פון און צו די מוסדות הק' אין קרית יואל.

דורכאויס דעם פאַרלאָפענעם יאָר האָט די יו. דזשעי. סי. אינוועסטירט איבערמידליכע קרעפטן, געלט און צייט, צו פאַרזיכערן אַז "די רעדער זאלן טאַקע פאָרן געשמירט"... אונזערע באָסעס זענען געפאָרן **ווינטער און זומער, אין די שניי טעג און אין די היצן, חגאות, זונטאָג'ס, א.א.וו.** אייביג אויפ'ן בעסטן און שענסטן סטאַנדאַרט, פּונקטליך און אחריות'דיג.

און אדרבה, טאַקע אין אַזעלכע טעג ווען די אלגעמיינע "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" באָסעס זענען נישט געפאָרן, צוליב סיי וועלכע אויסריידן, האָבן אונזערע קינדערלעך ב"ה **יאָ געקענט רואיג אָנקומען אין חדר אָדער אין שולע,** בלויז אַדאַנק דעם געניטן סיסטעם וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן **להנאתינו ולטובתינו.**

מען האָט זיך דערפאַר געלאָזט קאָסטן עפרות זהב צו איינרישן די באָסעס מיט הייצונג און קילינג, מען האָט זיך צעריסן צו פאַרזיכערן אַז די "ראוטס" קלאַפּן ווי אַ שווייצער זייגער, און מען האָט אומגעהויערע כוחות, פלאָג און צייט, אַריינגעלייגט אַז די 12 באָסעס זאלן שטענדיג זיין גרייט מיט פאַסיגע דרייווער צו טראַנספּאָרטירן אונזערע קינדער אַהין און צוריק אויף אַ פאַראַנטוואָרטליכן פאַרנעם. **ווייל קיין שום זאַך איז נישט קיין אָפּהאַלט ווען ס'קומט צו די וואוילזיין פון אונזערע קינדער.**

און דאָס איז טאַקע די סיבה פאַרוואָס דער ציבור, בלומינגראווער איינוואוינער כולם כאחד, ווייסן גוט צו שעצן און אַנערקענען די עבודה קשה שבמקדש. **יעדע טאַטע מאַמע שפּירט זיך ווירקליך ווי גלייכע שותפים אין דעם נאָבעלן אונטערנעמונג וואָס האָט געטוישט בלומינגראוו אויף אייביג** און האָט געברענגט אַזאַ רואיגקייט פאַר אונז און אונזערע קינדער, כה יתן ה' וכה יוסיף.

אַצינד, שטייענדיג נאָך אַ יאָר פון אַזאַ הצלחה למעלה מן המשוער, איז דאך פאַרשטענדליך אַז **ס'איז צייט זיך צו אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע, און זיך אויסשמועסן מיט אייך חשוב'ע שותפים,** - איר אלע טייערע עלטערן וואָס שטייען צו דער האַנט פון דעם גאַנצן פּראָיעקט לאורך כל הדרך - מיט אַ שטיקל בליק אויף פאָראויס: **וואָס האָבן מיר צו ערוואַרטן אויפ'ן קומענדיגן יאָר.**

■ ■ ■

ס'איז נישט קיין סוד ביי קיינעם, און אייגנטליך שפּירט זיך עס גוט אין דער קעשענע, איבערהויפּט ווען ס'קומט צו איינקויפן סיי וועלכע פּראָדוקט אדער סערוויס, אַז **דורכאויס דאָס פאַרלאָפענע יאָר זענען פּרייזן דראַסטיש געשפּרינגען ביז אַזויפיל ווי דאָפּלט אָדער מער,** אויף יעדע סאָרט מאַטעריאַל אָדער געשעפט.

די אויפשטייג אין פּרייזן האָט צום באַדויערן לגמרי נישט איבערגעהיפּט די טראַנספּאָרטאַציע אינדוסטריע. **דאָס יקרות ווען ס'קומט צו קויפן געז, אינשורענס, רעגלמעסיגע מעינטעינענס, נייע פּאַרטס פאר די באָסעס, א.א.וו. איז אויסטערליש הויעך.** והעולה כל כולנה, די שטייגענדע מאַנגל וואָס ס'איז דאָ אויף די גאַס ווען מען זוכט פאַרלעסליכע אַרבעטער און דרייווער האָט געפירט דערצו אַז **"פעיראָל" איז אַרויפגעשאָסן מיט נאָנט צו דאָפּלט ווי פאַראַיאָר** אַזאַ צייט.

יעדער פאַרשטייט דעריבער אַז ס'איז פּשוט נישט מעגליך צו אָנהויבן דעם קומענדיגן יאָר, מיט די זעלבע ציפערן ווי דאָס לעצטע יאָר. ס'איז איינפאַך נישט שייך במציאות אַז מען זאָל קענען אַזוי פונקציאָנירן.

פאַקטיש, בעת די שורות ווערן געשריבן, **געפינען מיר זיך שוין אין אַ באַדייטענדע דעפיציט,** צוליב דעם וואָס די פּרייזן האָבן שוין אָנגעהויבן שטאַרק אַרויפגיין מיט אַ האַלב יאָר צוריק, נאָך בעפאָר פּסח, אָבער אין די צייט וואָס אַלע פירמעס פון אַלע סעקטאָרן, זענען שוין דעמאָלט אַרויף מיט די פּרייזן, האָבן מיר פּרובירט דאָס צו אָפּלייגן און **מען איז טאַקע געבליבן מיט די נידריגע פּרייזן דורכאויס דאָס גאַנצע יאָר ב"ה,** ווען דער שיעבוד צו דעקן דעם איבריגן לאך ליגט אויף די פּלייצעס פון די עסקנים וואָס דאַרפן אויפקומען מיט דאָס געלט דורך פאָנדרעיזינג א.ד.ג.

■ ■ ■

זאל טאַקע דערמאַנט ווערן אַז אינערהאַלב די טראַנספּאָרטאַציע סערוויס איז געטון געוואָרן אַסאַך "מתן בסתר" אויף אַ הערליכן פאַרנעם, זיך צו רעכענען מיט תושבי עירינו וועלכע זענען נישט אַזעלכע בעלי יכולת, אָדער עלטערן וועלכע זענען אַריבער פינאַנציעלע שוועריגקייטן צוליב שמחות וכדו', **מען איז אַלעמען אַקעגן געקומען בסבר פנים יפות, און זיכער געמאַכט אַז יעדעס קינד דאָ אין שטאָט זאָל קענען אַרויפגעקומען אויפ'ן באָס, אָפּגעזען אין דעם פינאַנציעלן לאַגע פון זיינע עלטערן.**

דאָס איז אייגנטליך געווען אונזער מאָטאָ פון דער ערשטער מינוט אַז דער באָס פירמע זאָל נישט זיין באַזירט אויף מאַכן פּראָפיט, נאר **עס זאָל זיין אַ העפליכע סערוויס מיט אַ אידיש הארץ, וואו מען רעכנט מיט יעדע טאַטע מאַמע,** און וואו מען פאַרזיכערט אַז אויב ס'איז פאַרהאַן עלטערן וועלכע קענען זיך נישט ערלויבן צו באַצאָלן זאל דאָס געלט געשאַפן ווערן פון אַנדערע פלעצער, ועל זה תפארתינו!

נאָכמער. איידער דעם לעצטן זומער סעזאָן, האָט די יו. דזשעי. סי. פולקאָם אויסגעשטאַט אַלע באָסעס מיט קאסטבארע קאָנדישאָן, וויסנדיג אַז עס קומט זיך פאר אונזערע קינדערלעך צו פאָרן און קומען אויף אָפּגעקילטע באָסעס. **דאָס אינסטאָלירן די עיר קאָנדישאָן האָט אָפּגעקאָסט די סומע פון צען טויזנט דאללער פאר יעדן באָס באַזונדער.**

אָבער, אַנדערש ווי געוועגליך אין אַנדערע געגנטער וואו די עלטערן צעטיילן זיך מיט די הויכע הוצאות, **איז מען דאָ אין בלומינגראוו אַרויס פון וועג, מען האָט נישט געבעטן קיין איבריגע דאללער פון די עלטערן,** ווייל מען האָט זיך גערעכנט מיט'ן ציבור, וויסנדיג אַז אידן אַרבעטן שווער פאר פרנסה מיט קינדער געבענטשטע פאַמיליעס ב"ה. די געטרייע עסקנים האָבן געקלאַפּט על פתחי נדיבים בעם וועלכע זענען אונז אַקעגן געקומען און פינאַנצירט די גרויסע קאָסטן, **אָן דעם וואָס מען זאָל דאַרפן באַלעסטיגן דעם ציבור מיט איבריגע אויסגאַבן.** ישלם ה' פעלם.

מיט אָט דעם צוגאַנג און מהלך המחשבה, אַז **די טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט איז אויפגעשטעלט געוואָרן נישט צו פאַרדינען רווחים און נישט צו מאַכן דערויף געלט, עס איז אַ האַרציגע סערוויס צוגעשטעלט פאַר אונז אַלע, קאָלעקטיווע עלטערן און קינדערלעך פון בלומינגראוו,** איז מען במשך די לעצטע וואָכן געזיצן און איבערגעגאַנגען איינמאָל און נאָכאַמאָל די חשבונות, צו פאַרזיכערן אַז די עלטערן זאָלן נישט ארויפצאלן קיין איין פּרוטה מער ווי מען דאַרף.

אָבער פאָרט איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויב מיר ווילן ווייטער קענען אָנהאַלטן דעם סערוויס אויפ'ן זעלבן הערליכן שטייגער ווי ביז יעצט, **איז מען געצווינגען צו עטוואָס העכערן די פּרייזן פאַר'ן קומענדיגן לערן -יאָר,** כדי עס זאל ערמעגליכט ווערן צו קענען באַצאָלן פעיראָל, און דעקן די שטייגענדע קאָסטן פון גאַז, מעינטענעס, א.א.וו.

**די נייע פּרייזן זענען גילטיג פער חודש, פון דעם אָנהויב פון דעם היי - יאָריגן שולע יאָר אלול תשפ"א העעל"ט**

**יונגלעך אונטער 5 יאָר - $110**
**מיידלעך אונטער 5 יאָר - $95**
**זונטאָג, יונגלעך און מיידלעך - $35**
**גוי'אישע חגאות פער יעדן טאָג - $10**

מיר קוקן אַרויס אויף די פאַרשטענדעניש און איינזעהעניש פון תושבי עירינו, וועלכע וועלן זיכער פאַרשטיין און אַנערקענען אַז **די נייע פּרייזן איז איינפאַך דאָס מינימום וואָס מיר זענען געצווינגען צו טון אַז די באָסעס זאלן ווייטער קענען פאָרן אויפ'ן ראָוד,** מיט די זעלבע הויכע קוואַליטעט סערוויס, אחריות'דיג און פּראָפעסיאָנאַל, אין אַלע צייטן און אומשטענדן.

■ ■ ■

קוקנדיג מיט אַ בליק אויף צוריק און אַ בליק אויף פאָראויס, לאָמיר טאַקע ערוועגן אַ וויכטיגע פּונקט.

די "יו. דזשעי. סי." איז דאָ מיט איין איינציגן ציל: **צו העלפן דעם ציבור תושבי העיר, און פאַרזיכערן אַז אונזערע איינוואוינער באַקומען אַלע סערוויסעס וואָס אַ היימישע געזעלשאַפט דאַרף האָבן פאַר'ן טאָג טעגליכן באַנוץ.** דאָס רעכנט אַריין אַ סימפּאַטישע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע, וואַסער, סוער, שאָטל סערוויס, האַוזינג, א.א.וו. און פאַרשטענדליך אויך טראַנספּאָרטאַציע פאר די קינדער צו די מוסדות התורה.

**בלויז פאר די מטרה האָט מען זיך אַריינגעוואָרפן צו אויפשטעלן דעם הערליכן פלאָטע פון 12 באָסעס וואָס סערווירט אַזוי פּראָפעסיאָנאַל נאָנט צו טויזנט תינוקות של בית רבן בליעה"ר,** פּונקט ווי מען איז פאַרמישט אין צענדליגער אַנדערע צרכי הכלל והפרט, צו דורכשטופּן און דורכפירן ווייטגרייכענדע שינויים לטובה אַז אידן אין בלומינגראוו זאָלן קענען לעבן רואיג על מי מנוחות.

**זעלבסט פאַרשטענדליך אַז די "יו. דזשעי. סי." איז נישט קיין באָס פירמע און ס'איז דעריבער נישט אונזער ספּעציאַליטעט צו פאַרבלייבן מיט די אויפגאַבע פון טראַנספּאָרטאַציע פאר לאַנגע יאָרן.**

לאָמיר טאַקע נעמען אַלס ביישפּיל דער "בלומינגראוו שאָטל".

ווי מיר האָבן עס אַלע מיטגעהאַלטן האָט די "יו. דזשעי. סי." אינוועסטירט ממון ודמים, מען האָט נישט געזשאַלעוועט קיין צייט, געלט, ענערגיע, און שווייס, סיי אויפ'ן לעגאַלן פראָנט און סיי אויפ'ן פּראַקטישן פראָנט, ביז מען האָט ב"ה דערגרייכט אַז דער "שאָטל" איז צוריק איינגעפעדעמט געוואָרן אויף אַ הערליכן פאַרנעם.

גלייכצייטיג זענען עס געווען די געטרייע עסקנים פון "יו. דזשעי. סי." וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעזעצט מיט די אייגנטומער פונעם שאָטל און מען האָט אינאיינעם אויסגעאַרבעט אַלע דעטאַלן אַז דער שאָטל זאל טאַקע זיין צוריק אויפ'ן ראָוד. מען האָט זיך דערפאַר געלאָזט קאָסטן גרויסע געלטער פאר נייע באָסעס, נייע ראוטס, מאַרקעטינג א.א.וו. ביז מען האָט ב"ה עררייכט די גליקליכע מינוט ווען דער שאָטל פאָרט אויף אַ רעגלמעסיגן שטייגער טאָג טעגליך.

און טאַקע באַלד דערנאָך וואָס דער אונטערנעמונג איז געוואָרן מסודר על צד היותר טוב, **האָט מען פולקאָם צוריק איבערגעגעבן די לייצעס פאַר'ן אייגנטומער,** וואָס טוט עס ב"ה ווייטער אויסברייטערן און ברענגען צום קומענדיגן שטאַפּל. **די יו. דזשעי. סי. באַפאַסט זיך נישט מיט די טאָג טעגליכע ווירטשאַפט פונעם שאָטל,** און נאָכדעם וואָס מען האָט בעז"ה אַוועקגעשטעלט די יסודות דערפון איז עס צוריק צום ארגינעלן שטייגער אונטער אַ געוועגליכע אַדמיניסטראַציע.

אָט דער זעלבער מאָדעל וועט אויך אי"ה דורכגעפירט ווערן מיט די טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט, וואָס וועט **אין דער נאָנטער צוקונפט איבערגעגעבן ווערן פאַר די פאַסיגע אייגנטומערשאַפט וואָס וועט איבערנעמען כשלחן ערוך און דאָס פירן ווייטער על מי מנוחות,** איינמאָל מען האָט דאָס שוין אַראָפּגעשטעלט אויף קראַנטע פּראַקטישע רעלסן און די ריכטיגע פינאַנציעלע יסודות אַז עס זאָל קענען אַפּערירן מיט אַ לאַנג - טערמיניגן קיום.

והאמת, ניתן להאמר, אַז שוין מיט אַהאלב יאָר צוריק, בעפאָר די זומער חדשים, איז אַרויפגעקומען די הצעה צו איבערגעבן די טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט פאר אַ געוועגליכע פירמע, נאָכדעם וואָס ס'איז ב"ה אַריבער דער גאַנצער ווינטער מיט גרויס סוקסעס, אָבער פאָרט האָט די "יו. דזשעי. סי." באַשלאָסן צו וואַרטן אַז ס'זאָל אַריבערגיין אַ גאַנץ קיילעכיג יאָר, אַ ווינטער מיט אַ זומער, **כדי צו זיין זיכער אַז ווען מען גיט איבער די טראַנספּאָרטאַציע סערוויס ווייסט מען שוין בעפאָר אַלע קאָמפּליקאַציעס וואָס קענען פאַסירן און אַלע דעטאַלן וואָס דאַרפן געטון ווערן פאַר די באַקוועמליכקייט פון די קינדער** אין סיי וועלכע אומשטענדן אָדער צייט פון דאָס יאָר.

אין די יעצטיגע וואָכן זיצט מען ווירקליך מיט עטליכע לאַנגיעריגע און ערפאַרענע טראַנספּאָרטאַציע פירמעס, וועלכע האָבן שוין אַ גינסטיגן רעקאָרד פון אַרבעטן מיט אַ אידיש הארץ און אַ געפיל, און **מען האָפט בקרוב צו מעלדן די פרישע אַנטוויקלונגען איבער די פאַסיגע פירמע וועלכע וועט ווייטער פירן די היזיגע טראַנספּאָרטאַציע** אויפ'ן העכסטן ניוואָ פון פּראָפעסיאָנאַליטעט און געטריישאַפט, הולך וגדול עד כי גדל מאוד.

פאַרשטענדליך אַז די "יו. דזשעי. סי", וועט ווייטער שטיין צו דער האַנט מיט אַלעס וואָס נאָר נויטיג, צו העלפן און פאַרזיכערן די סוקסעס פון די טראַנספּאָרטאַציע, פּונקט ווי מען באַגלייט און מען אַרבעט איבערמידליך פאר אַלע געברויכן וואָס פאָדערט זיך פאר די וואוילזיין און עתיד פון אַלע איינוואוינער אויף די לאַנגע קומענדיגע יאָרן.

■ ■ ■

צו דער זעלבער צייט איז מען אינערהאַלב "יו. דזשעי. סי." אַקטיוו מיט דעם **פאַרוויקלטן קאַמף אויפ'ן לעגאַלן פראָנט וואָס וועט האָפנטליך זיין אַ געוואַלדיגע לאַנג - טערמיניגע הילף פאר תושבי עירינו.**

ווי עס איז שוין ברייט באַריכטעט געוואָרן צווישן די שפּאלטענעס פון דער "שטימע" און דער "בולעטין" ווערט אין די לעצטע חדשים אינוועסטירט אומגעהויערע געלטער און כוחות אינאיינעם מיט אַדוואָקאַטן און לעגאַלע עקספּערטן אויף צוויי באַזונדערע אַספּעקטן.

צום אַלעם ערשטן געפינט זיך אַצינד אין געריכט דער פאַרלאַנג אַז **דער "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" זאל יאָ באַצאָלן די טראַנספּאָרטאַציע קאָסטן פאר די טעג וואס די אידישע מוסדות התורה זענען אָפן און די גוי'אישע סקולס זענען נישט אָפן.** (נישט אַריינגערעכנט די לעגאַלע חגאות), וואָס איז אַ סך הכל פון בערך 20 טאָג. אויב דאָס וועט דורכגיין וועט עס היבש רעדוצירן די ראַטעס וואָס עלטערן דאַרפן יעצט באַצאָלן פאר די טעג וואָס דער סקול דיסטריקט פינאַנצירט נישט.

אין צוגאָב איז די "יו. דזשעי. סי." פאַרנומען מיט העפטיגע פּאָליטישע און לעגאַלע אינטערוועניץ אַז **אונזער היימישע טראַנספּאָרטאַציע פירמע זאל באַקומען דעם יערליכן "ביד" פון דער סקול דיסטריקט,** וואָס אויב וועט דאָס צושטאַנד קומען בעז"ה וועט דאָס באַדייטן אַ דראַסטישע שינוי לטובה פאר די עלטערן שיחי', וועלכע וועלן דאַרפן צאָלן פיל ווייניגער פאר טראַנספּאָרטאַציע קאָסטן דורכאויס דאָס יאָר.

**די אַלע געריכטליכע קאַמפן און לעגאַלע גראַנגלען קאָסטן אָפּ הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן בלי גוזמא! מען צאָלט אַוועק עפרות זהב פאר ערפאַרענע אַדוואָקאַטן און לאביסטען,** וועלכע באַגלייטן די קעיסעס בלויז צו ברענגען אַ פאַרלייכטערונג פאר תושבי עירינו. אָבער אויך אין דעם פאַל רעכנט מען זיך מיט די איינוואוינער, מען באַלעסטיגט נישט קיינעם צו צאָלן דערפאַר נאָר די "יו. דזשעי. סי." האַלט אויף אַ באַזונדערן פאָנדרעיזינג אַפּאַראַט וואָס אַרבעט זייער שווער צו דעקן די ריזיגע בילס, אַז ס'זאָל נישט פאַלן אויפ'ן ציבור און מען זאָל נישט דאַרפן צולייגן נאָך אַ הוצאה אויף די טייערע עלטערן שיחי'.

ס'איז די האָפענונג פון אונז אַלע אַז בקרוב זאָל מען טאַקע קענען מעלדן גוטע בשורות אויך אין דעם הינזיכט, וחפץ ה' בידינו יצליח.

■ ■ ■

פאַר אַלגעמיינע אָנפראַגעס אָדער קאָמענטאַרן רופט דעם טראַנספּאָרטאַציע דיספּעדזשינג אָפיס

**845-412-0482**

צו דורכרעדן פּריוואַטע אַנגעלעגנהייטן בנוגע די טראַנספּאָרטאַציע סיסטעם קען מען זיך שטענדיג פאַרשטענדיגן מיט די פאָלגענדע עסקנים החשובים, וועלכע שטייען גרייט אייך צו אַרויסהעלפן מיט אַלע באַדערפענישן און אָנפראַגעס אויף אַ העפליכן פאַרנעם

הר"ר **נסים סאאל** הי"ו **347-786-2521**
הר"ר **יצחק עקשטיין** הי"ו **845-662-5961**
הר"ר **יואל שטערן** הי"ו **347-408-5225**

והשי"ת ישמור צאתנו ובואינו לחיים ולשלום אמן.

**פלייער איבער טראנספארטאציע פארגאנגענעם חודש חשון העעל"ט**

וואָס האָט מסכים געווען דאָס צו איבערנעמען לויט זייערע טערמינען.

- דורכאויס די פּאַרלאָפענע חדשים האָבן מיר ווירקליך שוין געמאָלדן עטליכע מאָל פאַר׳ן ברייטן ציבור אַז דער טראַנספּאָרטאַציע אונטערנעמונג וועט אַרויסגיין פון אונזערע הענט און וועט אַריבערגיין צו אַ פּריוואַטע באָס פירמע וואָס ספּעציאַליזירט זיך אין דעם געביט.
- אינאיינעם מיט אַלע תושבי העיר, קוקן מיר ווייטער אַרויס מיט האָפענונג, מיט שתדלנות און תפלה צו השי״ת, אַז דער קריזיס זאל געלעזט ווערן, אַז מען זאָל קענען צאָלן ביליגערע ראַטעס פאר טראַנספּאָרטאַציע.
- אין די קומענדיגע זייטן איז בייגעלייגט די מעלדונגען וועלכע זענען פאַרעפענטליכט געוואָרן עטליכע מאָל, אין די פאַרלאָפענע חדשים, וואו דער ציבור איז אינפאָרמירט געוואָרן מיט די ערוואַרטעטע טוישונגען אין דעם טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט.
- אדרבה, אויב האָט איר סיי וועלכע הצעה, אָדער סיי וועלכע מהלך, וויאַזוי מען קען צושטעלן פאַר׳ן ציבור געניטע טראַנספּאָרטאַציע סערוויס פאר אַ ביליגערע פּרייז, וועלן מיר פון אונזער זייט טון אַלעס וואָס נאָר מעגליך דאָס צו אויספירן בפועל, וזכות הרבים תלוי בכם.

דאָס זעלבע אויב אַ יחיד אָדער אַ גרופּע האָט סיי וועלכע פאָרשלאַג און דאַרף הילף דאָס צו אויספירן, שטייען מיר שטענדיג גרייט צו אַרויסהעלפן אויף יעדן סאָרט אופן, דאָס צושטאַנד צו ברענגען על מי מנוחות פאר די טובה און די תועלת פון תושבי העיר.




באריכט איבער די טראנספּארטאציע - פסח שטימע תשפ״ב

## ותשועה ברוב יועץ!

**ווי פארשטענדליך וועלן מיר ווייטער מעלדן דעם ציבור מיט סיי וואספארא אפדעיטס עס אנטוויקלען זיך!**

**ויהי רצון שה׳ ישמור צאתינו ובואינו, כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכך ובשם ה׳ נעשה ונצליח!**